## אתגר קרת (עטגאַר קערעט)

# דריי דערציילונגען

## צעברעכן דעם חזיר

דער טאַטע האָט ניט מסכים געווען מיר קויפן אַ ליאַלקע פון באַרט סימפּסאָן, די מאַמע האָט דווקא יאָ געוואָלט, אָבער דער טאַטע האָט ניט מסכים געווען. ר׳האָט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ מפונק. ״פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס קויפן אים, האַ?״ – האָט ער געזאָגט דער מאַמען, – ״וואָסי? ער טוט נאָר אַ פּיפּס און דו שפּרינגסט גלייך, גרייט זיך צו שטעלן ׳סמירנאָ׳ פאַר אים?!״ דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז כ׳ווייס ניט וויאַזוי צו שעצן געלט, און אויב מ׳וועט מיך דאָס ניט לערנען כל־זמן איך בין קליין, טאָ ווען זאָל איך זיך דאָס אויסלערנען? קינדער, וואָס מע קויפט זיי אַזוי גרינג ליאַלקעס פון באַרט סימפּסאָן, וואַקסן דערנאָך אויס פּושטאַקעס, וואָס גנבֿנען פון קיאָסקן, ווייל זיי ווערן צוגעוואוינט, אַז אַלץ, וואָס זיי פאַרלאַנגען נאָר, קומט זיי אָן גרינג. איז אַנשטאָט אַ ליאַלקע פון באַרט סימפּסאָן האָט ער מיר געקויפט אַ מיאוסן חזירל פון פּאַיאַנס מיט אַ פלאַכער לאָך אין רוקן, און איצט וועל איך שוין אויסוואַקסן אַ לייטישער, איצט וועל איך שוין ניט ווערן קיין פּושטאַק.

יעדן אינדערפרי דאַרף איך איצט טרינקען אַ גלאָז שאָקאָ, אפילו אַז איך האָב עס פיינט. שאָקאָ מיט הויט באַטרעפט אַ שקל, אָן הויט – אַ האַלבער שקל, און טאָמער ברעך איך אויס גלייך דערנאָך דעם, באַקום איך גאָרנישט ניט. די מטבעות שטופּ איך דעם חזירל אינעם רוקן אַריין, און דאַן, אַז מע גיט אים אַ טרייסל, צעקלינגט ער זיך. ווען אין דעם חזירל וועט שוין זיין אַזוי פיל מטבעות, אַז מע וועט ביים טרייסלען אים שוין מער קיין רעש ניט הערן, וועל איך באַקומען אַ ליאַלקע פון באַרט אויף סקעיטבאָרד. אַזוי, זאָגט דער טאַטע, וועל איך ווערן אַ מענטש.

דער חזיר איז דווקא אַ סימפּאַטישער, זיין נאָז איז קאַלט, אַז מע טוט זי אַ טאַפּ. און ער שמייכלט ווען מע שטופּט אים דעם שקל אין רוקן אַריין און אויך ווען מ׳שטופּט אים בלויז אַ האַלבן שקל. אָבער דאָס סאַמע שענסטע איז דאָס, וואָס ער שמייכלט אויך, אַז מע שטופּט אים גאָרניט ניט אַריין. כ׳האָב אים אויך געגעבן אַ נאָמען, כ׳רוף אים פּסחזאָן, אויפן נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אין אונדזער פּאָסט־קעסטל, און דעם טאַטן האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצושיילן דעם סטיקער מיט זיין נאָמען. פּסחזאָן איז ניט אַזאַ ווי מיינע אַנדערע שפּילעכלעך, ער איז פיל רואיקער, אָן לעמפּעלעך און אָן ספּרוזשינקעלעך. און אָן באַטאַרייקעס, וואָס וואָלטן אים אויסגערונען אינעווייניק. מע דאַרף נאָר היטן, ער זאָל ניט אַראָפּשפּרינגען פונעם טיש אַראָפּ. ״פּסחזאָן, היט זיך! ביסט אַ פּאַיאַנסענער״, – זאָג איך אים,

---

איבערגעזעצט פון עבֿרית: וועלוול טשערנין

ווען איך כאַפּ אים אַ ביסל אָנגעבויגן אַראָפּקוקנדיק אויפן דיל, און ער שמייכלט צו מיר און וואַרט מיט געדולד כ׳זאָל אים אַראָפּנעמען מיט דער האַנט. איך האָב אים מסוכן ליב, ווען ער שמייכלט. בלויז צוליב אים טרינק איך דעם שאָקאָ מיט הויט יעדן אינדערפרי, איך זאָל קאָנען אַריינשטופּן אים דעם שקל אינעם רוקן אַריין און זען, וויאַזוי זיין שמייכל בייט זיך גאָרניט, אויף קיין האָר ניט. ״איך האָב דיך ליב, פּסחזאָן״, – זאָג איך אים גלייך נאָך דעם, – ״אויף באמנות, איך האָב דיך ליב מער ווי דעם טאַטן מיט דער מאַמען. און איך וועל דיך תמיד ליב האָבן, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס עס זאָל ניט זיין, אפילו אויב דו זאָלסט אָנהייבן ראַבעווען קיאָסקן. אָבער ברחל בתך הנאַקעטע – זאָלסט מיר ניט סמעיען אַראָפּשפּרינגען פונעם טיש אַראָפּ!״

נעכטן איז געקומען דער טאַטע, האָט ער גענומען פּסחזאָנען פונעם טיש און אָנגעהויבן אים טרייסלען ווילד מיטן קאָפּ אַראָפּ. ״פּאָרזיכטיק, טאַטע״, – האָב איך אים געזאָגט, – ״וועסט אָנמאַכן פּסחזאָנען אַ בויכווייטיק״. דער טאַטע האָט אָבער ווייטער געטאָן דאָס זעלבע. ״ער מאַכט ניט קיין רעש, דו ווייסט, יואבי, וואָס דאָס באַטייט? ס׳מיינט – אַז מאָרגן וועסטו באַקומען באַרט סימפּסאָן אויף סקעיטבאָרד״. ״זייער פיין, טאַטע״, – האָב איך געזאָגט, – ״באַרט סימפּסאָן אויף סקעיטבאָרד – איז ממש זייער פיין. אָבער הער אויף צו טרייסלען פּסחזאָנען, דאָס מאַכט אים זיך פילן שלעכט״. דער טאַטע האָט אומגעקערט פּסחזאָנען אויף זיין אָרט און איז אַוועק רופן די מאַמע. ער האָט זיך אומגעקערט אַ מינוט שפּעטער, ציענדיק מיט איין האַנט די מאַמע און האַלטנדיק אין דער אַנדערער אַ האַמער. ״איצט זעסטו, אַז כ׳בין געווען גערעכט?״ – האָט ער געזאָגט דער מאַמען, – ״אַזוי קען ער שעצן זאַכן! ריכטיק, יואבי?״ ״אוודאי קען איך״, – האָב איך געזאָגט, – ״אוודאי, אָבער צוליב וואָס באַדאַרף מען דעם האַמער?״ ״דאָס איז פאַר דיר״, – האָט געזאָגט דער טאַטע און מיר אַריינגעלייגט דעם האַמער אין האַנט אַריין. – ״נאָר זיי פּאָרזיכטיק״. – ״אוודאי וועל איך זיין פּאָרזיכטיק״, – האָב איך געזאָגט און טאַקע באמת געווען פּאָרזיכטיק, אָבער עטלעכע מינוט שפּעטער איז דאָס דעם טאַטן נמאס געוואָרן און ער האָט געזאָגט, – ״נו, צעברעך שוין דעם חזירל״. ״וואָס?״ – האָב איך געפרעגט, – ״פּסחזאָנען?״ ״יאָ, יאָ, פּסחזאָנען״, – האָט דער טאַטע געזאָגט. ״נו, צעברעך אים. האָסט פאַרדינט דעם באַרט סימפּסאָנען, האָסט גענוג שווער געאַרבעט צוליב אים״.

פּסחזאָן האָט צו מיר געשמייכלט מיט אַ טרויעריקן שמייכל פון אַ פּאַיאַנסענעם חזירל, וואָס פאַרשטייט, אַז דאָס איז זיין סוף. זאָל ער פּגרן, דער באַרט סימפּסאָן! איך זאָל דערלאַנגען אַ חבר מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ?! ״כ׳וויל ניט דעם סימפּסאָן״. – האָב איך דעם טאַטן אומגעקערט דעם האַמער, – ״ס׳איז מיר גענוג פּסחזאָן״. ״דו פאַרשטייסט ניט״, האָט געזאָגט דער טאַטע, – ״ס׳איז באמת כשורה, אַזוי לערנט מען זיך אויס אַ מענטש צו זיין. אָט לאָמיך אַליין צעברעכן אים פאַר דיינעטוועגן״. דער טאַטע האָט שוין אויפגעהויבן דעם האַמער, און איך האָב געגעבן אַ קוק אויף דער מאַמעס דערשלאָגענעם בליק און אויף פּסחזאָנס מידן שמייכל און כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז אַלץ ווענדט זיך אין מיר. אַז טאָמער וועל איך גאַרנישט ניט טאָן, איז ער טויט. ״טאַטע״, – האָב איך אים געכאַפּט פאַרן פוס, – ״וואָס איז, יואבי?״ – זאָגט דער טאַטע, בעת זיין האַנט מיטן האַמער הענגט נאָך אינדערלופטן. ״איך וויל נאָך אַ שקל, ביטע״, – האָב איך געבעטן שיער ניט מיט געוויין. – ״לאָז מיר אים

אַריינשטופּן נאָך איין שקל. מאָרגן, נאָכן שאָקאָ. און דאַן שוין צעברעכן, מאָרגן. איך זאָג צו״. ״נאָך אַ שקל?״ – גיט דער טאַטע אַ שמייכל און לייגט דעם האַמער אַוועק אויפֿן טיש, זאָגנדיק דער מאַמען – ״אָט זעסטו? איך האָב אַנטוויקלט ביים קינד אַ באַוואוסטזיניקייט״. ״יאָ, באַוואוסטזיניקייט״, – האָב איך געזאָגט, – ״מאָרגן״. די טרערן האָבן מיך שוין געשטיקט אין האַלדז.

נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַרויס פֿונעם צימער, האָב איך אַרומגענומען פּסחזאָנען שטאַרק, שטאַרק און געלאָזט די טרערן זאָלן זיך אויסוויינען. פּסחזאָן האָט גאָרנישט געזאָגט, בלויז געציטערט שטיל אין מיינע הענט, – ״דאגה ניט״, – האָב איך אים איינגערוימט אין אויער, – ״כ׳וועל דיך ראַטעווען״.

ביינאַכט האָב איך געוואַרט ביז דער טאַטע וועט ענדיקן קוקן די טעלעוויזיע אין סאַלאָן און אַוועקגיין זיך לייגן שלאָפֿן. דעמאָלט בין איך שאַ־שטיל אויפֿגעשטאַנען און כ׳האָב זיך אַרויסגעגנבעט צוזאַמען מיט פּסחזאָנען פֿונעם באַלקאָן. מיר זענען געגאַנגען אַ לאַנגע צייט אינאיינעם אין חושך ביז מיר זענען אָנגעקומען אין פֿעלד אין אַ פֿאַרוואָקסנס מיט דערנער. ״חזירים האָבן שטאַרק ליב פֿעלדער״, – האָב איך געזאָגט פּסחזאָנען אַוועקשטעלנדיק אים אויף דעם דיל פֿונעם פֿעלד – ״באַזונדערס די פֿעלדער מיט דערנער. ס׳וועט דיר דאָ זיין גוט״. כ׳האָב געוואַרט אויף אַן ענטפֿער, אָבער פּסחזאָן האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, און ווען איך האָב אַ טאַפּ געטאָן זיין נאָז כדי זיך צו געזעגענען, האָט ער בלויז אַריינגעשטעקט אין מיר אַ טרויעריקן קוק. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט מיך מער ניט זען, קיינמאָל ניט.

## בענקשאַפֿט נאָך קיסינדזשער

זי זאָגט, אַז איך האָב זי ניט ליב באמת. ס׳הייסט אַז איך זאָג, אַז איך האָב ליב, אַז איך מיין, אַז איך האָב ליב, אָבער אַז אינדעראמתן האָב איך זי ניט ליב. כ׳האָב געהערט שוין וועגן מענטשן, וואָס זאָגן, אַז זיי האָבן עמעצן ניט ליב, אָבער באַשטימען פֿאַר יענעם, אַז ער האָט עמעצן יאַ צי ניט ליב? אַזוינס איז מיר נאָך ניט אויסגעפֿאַלן. כ׳האָב עס טאַקע בפּירוש כשר פֿאַרדינט. ווער עס איז מסכים זיך צו לייגן מיט טכוירן, זאָל זיך שפּעטער ניט באַקלאָגן, למאי זיינע קינדער שטינקען. אַ האַלב יאָר דולט זי מיר שוין דעם קאָפּ, שטופּט זיך פֿינגער אין דער מעשה נאָכן טרען, כדי נאָכצושפּירן צי איך האָב באמת געענדיקט. און איך, אָנשטאָט אַריינזאָגן איר אַזוי און אַזוי, זאָג איר ״נישקשה, קעצעלע, מיר אַלע זענען אַ ביסל ניט זיכער״. איז איצט וויל זי זיך צעשיידן, ווייל זי האָט באַשלאָסן, אַז איך האָב זי ניט ליב. וואָס זאָל איך איר זאָגן? טאָמער שריי איך אָן אויף איר, אַז זי איז אַ נאַר און זי זאָל שוין אויפֿהערן דרייען די מוחות, וואָלט עס געווען פֿאַר איר נאָר אַ באַשטעטיקונג אַז איך האָב זי ניט ליב. ״טו עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיר דערווייזן, אַז דו האָסט מיך ליב״, – זאָגט זי. וואָס וויל זי איך זאָל טאָן? זאָל זי נאָר זאָגן וואָס. אָבער זי זאָגט ניט. ווייל אויב איך האָב זי באמת ליב, דאַרף איך אַליין וויסן. וואָס יאָ, איז זי גרייט מיר געבן אַ רמז, אָדער זאָגן, וואָס איך זאָל ניט טאָן. איינס פֿון די ביידע, איך קאָן זיך אויסקלייבן. איז האָב איך איר געזאָגט, זי זאָל זאָגן, וואָס איך זאָל ניט

טאָן, לכל הפחות וועל איך וויסן כאָטש עפּעס. פון די רמזים אירע איז דאָך קלאָר, אַז כ׳וועל פון זיי גאָרנישט ניט פאַרשטיין. ״וואָס ניט״, זאָגט זי, – ״איז זאָל עס ניט זיין עפּעס, וואָס איז פאַרבונדן מיטן צעממיתן זיך אַליין, ווי למשל, אַרויסנעמען זיך אַן אויג אָדער אָפּשניידן אַן אויער, ווייל דאַן שעדיקסטו עמעצן, וואָס איך האָב אים ליב, און אומדירעקט – אויך מיר. און שעדיקן עמעצן אַ נאָענטן איז זיכער ניט קיין באַווייז פון ליבע״. אויף בנאמנות, אין מיין לעבן וואָלט איך זיך אַליין ניט געשעדיקט, אפילו ווען זי זאָגט עס מיר ניט. וואָס פאַר אַ שייכות בכלל האָט ליבע מיטן אַרויסנעמען זיך אַן אויג? און וואָס יאָ? דאָס איז זי ניט גרייט צו אַנטפּלעקן, מערניט עס איז אויך ניט גוט, טאָמער וועל איך עפּעס אַזוינס טאָן מיין טאַטן, אָדער די ברידער, צי די שוועסטער. איז מאַך איך שוין מיט דער האַנט און זאָג צו זיך אַליין, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו טאָן, ס׳וועט מיר שוין גאָרנישט ניט העלפן. און אויך איר ניט. ווער עס פרעגט רעטענישן צו פאַרענטפערן ביי אַ כאָפּטע טויט־שיכורע נעגערס, וועט שוין מוזן זיך אויפכאַפּן מיט צעבראָכענע ביינער. אָבער דערנאָך אַז מיר טרענען זיך און זי שטעקט אַריין איר אָנגעצילטן בליק טיף אין מיינע שוואַרצאַפּלען (זי פאַרמאַכט קיינמאָל ניט די אויגן בשעת מעשה איך זאָל איר ניט אַריינשטופּן אין מויל קיין צונג פון עמעצן אַ פרעמדן) – פאַרשטיי איך שוין אין מיצקע דרינען, גלייך ווי אַ בליץ וואָלט מיך געטראָפן: ״ס׳איז מיין מאַמע?״ – פרעג איך ביי איר און זי וויל מיר ניט ענטפערן. ״אויב דו האָסט מיך טאַקע באמת ליב, באַדאַרפסטו דאַן אַליין וויסן״. און נאָך דעם ווי זי איז טועם די פינגער וואָס זי האָט אָקערשט אַרויסגענומען פון דער מעשה, שיסט זי אַרויס: ״און זאָלסט מיר ניט ברענגען סתם אַן אויער, צי אַ פינגער, צי נאָך עפּעס אַזוינס. דאָס האַרץ אירס וויל איך. דו הערסט? דאָס האַרץ!״

איך פאָר מיט אַ מעסער דעם גאַנצן וועג קיין פּתח־תּקוה, מיט צוויי אויטאָבוסן. דער מעסער איז אַנדערטהאַלבן מעטער די לענג, ס׳פאַרנעמט טאָפּלט פּלאַץ, כ׳האָב געמוזט קויפן פאַר דעם אַ באַזונדערן בילעט. אַלץ בין איך גרייט צו טאָן פאַר איר! אַלץ פאַר דיר, איך זאָל זיין פאַר דיר די כפּרה! כ׳בין אַראָפּ פון דעם אויטאָבוס און די גאַנצע שטאַמפּער־גאָס געגאַנגען צו־פוס מיטן מעסער אויפן רוקן ווי עפּעס אַן אַראַבער אַ מערדער וואָס איז גרייט נעמען זיך דאָס לעבן. די מאַמע האָט געוואוסט אַז איך קום, האָט זי צוגעגרייט פאַר מיר עסן פאַרפראַוועט מיט שאַרפע געווירצן ווי פון גיהנום, אַזוי ווי נאָר זי קאָן דאָס פאַרפראַוועט. איך עס און שווייג, אפילו קיין איין בייז וואָרט לאָז איך ניט פאַלן. ווער סע שלינגט איין סאַבּרעס מיט די דערנער אינאיינעם, זאָל ער ניט מאַכן קיין פּיסקעס אַז ער ליידט פון מערידן. ״און וואָס מאַכט מירי?״ – פרעגט די מאַמע, ״זי איז אין אָרדענונג, די וואוילינקע? זי רוקט נאָך אַלץ אַריין אירע פעטינקע פינגער זיך אין דער מעשה אַריין?״ ״אין אָרדענונג״, ענטפער איך איר, ״באמת אין אָרדענונג. זי האָט געבעטן דיין האַרץ. דו ווייסט, כדי געוואויר צו ווערן צי איך האָב זי ליב״. ״איז ברענג איר ברוכס האַרץ״, לאַכט די מאַמע, – ״זי וועט אין איר לעבן ניט באַמערקן דעם חילוק״. ״אוף, מאמע!״ – ווער איך אין כעס, – ״מיר האַלטן ממש ניט פון די אַלע ליגנס. מירי און איך האַלטן פון אויפריכטיקייט״. ״גוט״, – טוט די מאַמע אַ זיפץ, – ״איז ברענג איר מיין האַרץ, איך וויל ניט איר זאָלט זיך קריגן צוליב מיר. אגב, דאָס דערמאָנט מיר – און וואָס איז מכוח דיין דערווייזן דער מאַמען, וואָס האָט דיך ליב, אַז דו האָסט זי אויך אַ ביסל ליב? ״ איך שליידער אַוועק מיט כעס מיריס האַרץ אויפן טיש. פאַרוואָס גלייבן זיי מיר

ניט? פֿאַרוואָס פּרואוון זיי מיך כסדר אויס? און איצט – ווידעראַמאָל פֿאָרן מיט צוויי אויטאָבוסן צוריק מיט דעם דאָזיקן מעסער און מיט דער מאַמעס האַרץ. און זי וועט זיכער ניט זיין אין דער היים, זי וועט ווידער זיך אומקערן צו איר פֿריערדיקן חבר. ס׳איז ניט וואָס איך באַשולדיק דאָ עמעצן, נאָר זיך אַליין.

ס׳איז דאָ צוויי סאָרט מענטשן, די, וואָס האָבן ליב שלאָפֿן ביי דער וואַנט, און די, וואָס האָבן ליב שלאָפֿן לעבן יענע, וואָס וועלן זיי אַרויסשטופּן פֿון בעט.

## אַזוי גוט

איציק איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון בעט. אָנגעטאָן בלויז אין פּיזשאַמע־הויזן און אין זיינע קאָובאָי־שטיוול. ער האָט געקוקט אין פֿענצטער. די זון האָט געשיינט אינדרויסן. ער האָט זיך געפֿילט נאַריש. דאָס גליק האָט געדאַרפֿט קומען היינט, בלויז מיט פֿינף מינוט פֿריער האָט ער באַקומען אַן אויסשפּיר־דינסט־אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם, און ער זיצט דאָ סתּם אויף דער בעט ווי אַ באָק און טוט גאָרנישט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם פֿריערדיקן מאָל, ווען דאָס גליק איז געקומען, ווי דער טאַטע האָט לייכטזיניק אים געעפֿנט די טיר, און ער, אַ קליין בלאַס ייִנגל, איז געזעסן ביים טיש אין קיך, האָט צוגעקלעפּט קאָליריקע פּאַפּירלעך און האָט פֿון גאָרנישט ניט מורא געהאַט.

זיין גוף האָט אָנגעהויבן ציטערן. מע טאָר עס ניט אַריינלאָזן, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן, פּשוט מע טאָר ניט. אויב ס׳וועט זיך איינגעבן עס ניט אַריינלאָזן פֿון דרויסן, וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער בעט, צוגעלאָפֿן צום שופֿלאָדן און האָט אָנגעהויבן אים שטופּן צו דער טיר. ווען דער שופֿלאָדן האָט לחלוטין פֿאַרהאַקט די טיר, האָט ער אַרויסגענומען פֿון אַ באַהעלטעניש אַ יעגער־ביקס און אָנגעהויבן אַריינשטעלן פּאַטראָנען אין אָנלאָד־מאַגאַזין. דאָס מאָל וועט ער זיין גרייט. עס וועט ניט זיין אַזוי ווי יענצמאָל, אין דער היים ביי די עלטערן. אים וועלן זיי ניט פֿאַרוואַנדלען אין אַ שטיקל שמייכלענדיקן זאָמבי, וואָס האָט ליב האָבן זייף־אָפּערעס אין טעלעוויזיע אָדער מאַרקעסן, וואָס זאָל קושן די מאַמע, ווען ס׳איז נאָר מעגלעך. וואו איז מיין שלאַכט־זשילעט? אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! ער האָט זיך געגראָבן אינעם שאַפֿעלע, וואָס איז אונטערן אָפּגאָס־בעקן ביז ער האָט אים געפֿונען, און דעמאָלט האָט ער אָנגעטאָן אַ לייבל און דערויף שוין – דעם שלאַכט־זשילעט. נאָך דעם האָט ער איינגעשטעלט אינעם קאַמין אַלפּענשטאָקן און מעסערס מיט די שארפֿן און שפּיצן אַרויף. טאָמער זענען זיי אַזעלכע חכמים צו פּרואוון קומען דורכן קוימען. ער וועט זיי לערנען עפּעס־וואָס וועגן גליק. פֿינף יאָר אין קלאַב־מעד. פֿינף יאָר, שמאָק דו איינער. מיט אַ בחורטע, וואָס ער האָט ליב, אָראַלער־אַנאַלער סעקס, געלט ווי מיסט. ער איז דאָס אַלץ אַדורך אויפֿן סאַמע שווערן אופֿן. ער ווייסט, וואָס דאָס איז. ווען ניט דער באָבעס שטאַרבן, וואָלט ער נאָך אַלץ געבליבן שטעקן דאָרטן עד־היום.

די ערשטע איז געקומען די געלעגנהייט. זיי שיקן זי תּמיד פֿאָרויס די ערשטע, ווי אַ מין בעדואינישן אויסשפּירער. שי איז עקספּענדעבל. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין טיר. דערנאָך

האָט זי אַ פּרואוו געטאָן זײַן טיר־הענטל, וואָס איז געווען עלעקטריזירט. דער עלעקטרישער קלאַפּ האָט זי געשלײַדערט אויף דרערד, אַ דערשטוינטע. און דעמלאָט האָט איציק אויסגעזעצט דאָס פֿענצטער מיט דער קאָלבע און אַרויסגערוקט די רער פֿון דער ביקס. טראַכט וועגן עפּעס אָנגענעמס, ביטש, דעם גאַנצן וועג צו גן־עדן. כ׳וועל זיך ניט אײַנגעבן אָן אַ שלאַכט. איך בין ניט מײַן טאַטע. מיך וועט מען ניט אַרויסשלעפּן אײנס־און־צוויי אין אַ וועך־אויטאָ מיט באַלאָנען און צייכענונגען פֿון וואָלט דיסניי, איך זאָל דערבײַ האָבן אַן אידיאָטישן שמייכעלע צעשמירט מיר איבערן גאַנצן פּנים. ער האָט אַ שאָס געטאָן אויף דער געלעגנהייט מיט איר אויסגעמעקט פּנים.

פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט אין גרינבערגס ווערטער וועגן זײַער טריק מיט די קאַבעלן. אַ רוח אין זײַער טאַטנס טאַטן אַרײַן! ער זיצט דאָ ווי אַ שטיקל דילעטאַנט, פֿאַרנעמט זיך מיט טויטע קערפּערס מיט דער פּלייצע צו דעם משפּחה־קאַנאַל, גלײַך ווי ער וואָלט קיינמאָל בכלל ניט געהערט, וואָס די HBO האָבן אָפּגעטאָן די דעפּרעסיע־אויפֿשטענדלער דאַן, אין סיאַטל אין 1987. אַזאַ נאַרישקייט. ער האָט זיך אומגעדרייט און אַ שאָס געטאָן אינעם טעלעוויזאָר אַ רגע פֿאַר דעם, ווי קאָסבי האָט אַ קוש געגעבן ליסען. מע טאָר ניט פֿאַרלירן דעם קאָפּ, האָט ער אַ בורטשע געטאָן צו זיך אַליין דורך די ציין. אין קיין שום פֿאַל, רק ניט פֿאַרלירן דעם קאָפּ.

ער האָט דווקא געקלערט פֿון סאָמאַליע, ווען ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָרך אין די קוסטן. דאָס איז געווען די אמתע ריינע הנאה מיט פּיצעס טעיק־עווּעי און מיט פּאָרנאָגראָפֿישע בראָשורן, זי האָט זיך באַוועגט געטוליעטערהייט צום לעבעדיקן פּלויט. אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן זיך אָנצילעווען אויף איר. און זי, זי האָט דווקא גאָרניט געפּרואווט זיך צו דערנענטערן.

״היי, קעצעלע, כ׳האָב פֿיינט קאַלטע פּיצעס״, – האָט ער אויסגעליאַרעמט. אָבער זי האָט אפֿילו ניט געענטפֿערט. איבער דער הייזערקע זענען איצט פֿאַרבײַ העליקאָפּטערס מיט ריזיקע הילכערס, פֿון וועלכע ס׳האָבן געקלונגען אין פֿול־וואָליום אָפּטימיסטישע שמאַלץ־לידער און פּאָפּ־שליאַגערס פֿון טעכנאָ. ער האָט פֿאַרשטאָפּט די אויערן און זיך דערמאָנט פֿון ״בית יהודי וואָהלין״, פֿון פּרויען מיט אַמפּוטירטע בריסט, פֿון די ציטערנדיקע אויף די ניו־יאָרקער קעלט האָומלעסן. טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך אַ ביסל צעשמייכלט, איז די מוזיק געבליבן אינדרויסן. אָבער די דאָזיקע מעשׂה האָט אַרויסגערופֿן עפּעס אַ חשד. אַלץ האָט אויסגעזען צו זײַן צו גרינג. די העליקאָפּטערס. די אמתע הנאה וואָס פּאַראַליזירט – דאָס מוז זײַן אַ מין קאַמופּליאַזש. דער דאַך, – האָט ער זיך פּלוצעם אויסגעזידלט, – דאָס מוז זײַן דער דאַך. ער האָט אויסגעשאָסן עטלעכע קוילן בלינדערהייט, דורך דאַכלקעס. עפּעס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם קוימען און האָט זיך פֿאַרשטאָכן אויף די שפּיצן פֿון אַלפּענשטאָקן און מעסערס. דאָס איז געווען די הצלחה. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פּעקל געווינס־בילעטן פֿון לאָטאָ. איציק האָט אויף איר אויסגעגאָסן אַ באַקל בענזין, און נאָך דעם געשלײַדערט אינעם ציגעלעם קאַמין אַ ברענענדיקן שוועבל. איר קערפּער האָט באַלד אויפֿגעפֿלאַקערט. און אויך די געווינס־בילעטן. די פֿײַער־צונגען האָבן זיי צעפֿרעסן אַ סך פֿריער, איידער זיי האָבן באַוויזן זיך צעשפּרייטן איבער דער הייזערקע. רויך האָט איצט אָנגעפֿילט דעם צימער, צו אים האָט

זיך צוגעמישט אַן אַנדערער ריח, אַ ריח פון הייסער קוקורוזע, פון אַמאָליקן אייזקרעם, פון דער מאַמען, וואָס קומט געבן אַן ״אַ־גוטע־נאַכט״־קוש. גאַז. ער איז געקראָכן איבערן דיל, האָט זיך באַמיט דערקלייבן צו דער אויסשטאַטונג מיט גאַז־מאַסקעס. איידס, – האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן. מענטשן איזדיעוועקעווען זיך איבער קינדער אַרום דער גאָרער וועלט ממש אין אָט דער רגע. קינדער. אַזעלכע ליבע, אוי ווי ס׳ווילט זיך, כ׳זאָל האָבן קינדער, מיט אַ ווייב. וואָס האָט מיך ליב. פייניקונגען אין די קעלערן פון שב״כ – אַ פּרואוו געטאָן. ס׳איז ניט געווען קיין שאַנס. דער שמייכל האָט זיך געברייטערט און געברייטערט, געדראָט אים איינצושלינגען. דריי געפילן, וואָס ער האָט זיי שוין ניט מצליח געווען צו אידענטיפיצירן, האָבן אים שוין אַרומגערינגלט, נעמען אים אַראָפּ דעם שלאַכט־זשאַקעט, מעקן מיט אַ ביסל סלינע אָפּ דעם נומער פון דעם אָרעם. בייטן אים דעם לייבל מיט אַ ״WHY?״ אויפשריפט אויף אַן אַנעדערן, מיט ״DON’T WORRY, BE HAPPY“. דאגה ניט, ס׳וועט זיין אין אָרדענונג, – האָט ער געפּראוווט זיך אַליין דערמוטיקן בעת מע האָט אים געשלעפּט אין דרויסן אַרויס. זי וועט זיין דאָרטן. זי וואַרט אויף דיר, ס׳וועט אייך זיין גוט. ס׳וועט ביי אייך זיין אַן אויטאָ. פון גרויס דערוואַרטעניש האָט ער דערפילט, אַז זיינע קני ווערן ווי אַ מין זשעלע. ס׳וועט אייך זיין אַזוי גוט, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! אַזוי גוט.

די טרערן אין האַלדז זענען זיך שוין אינגאַנצן צעגאַנגען. די ביימער זענען געווען גרין צום אויסוויינעק. און דער הימל. ניט צו הייס און ניט צו קאַלט. אַ ווען־אויטאָ אַ געקרוינטער מיט צייכענונגען פון די סימפּסאָנס און היפּאָטעק־רעקלאַמעס וואַרט שוין אויף אים ביי די טרעפּ.